בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויחי

י"ד טבת תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:12 |
| מוצש"ק | 5:29 |
| ר"ת | 6:05 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:23 | סוז"ת א' | 9:30 |
| סוזק"ש ב' | 9:08 | סוז"ת ב' | 10:00 |

גליון מס': קס"ז
שנה ד'

## טיב המערכת

### דער תכלית פון דער לעבן

מען דערציילט אז הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע האט אמאל געזען אן עלטערער איד, וואס אינמיטן לערנען האט ער איינגעדרימלט, און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין דרימל, האט ער זיך אפגערעדט צו זיך אליין און מיט א פארביטערטע שטימע האט ער געזאגט: וואס טו איך דא? איך פארברענג מיינע לעצטע יארן מיט שלאף! נאך אביסל וועט מען דאך שטארבן, און וואס וועל איך מיטנעמען מיט מיר אלץ שפייז פאר דער קומענדיגער וועלט. אזוי האט זיך דער זאך איבערגעשפילט עטליכע מאל, ווען דער עלטערער איד דרימלט איין, וועקט זיך אויף, באקלאגט זיך און לערנט ווייטער, ביז עס כאפט אים ווייטער אן א דרימל. ווען דער הייליגער קאברינער האט דאס צוגעזען, האט ער זיך אנגערופן צו דער עלטערער איד, אז ער זאל זיך נישט מעורר זיין מיט די ווערטער אז נאך אביסל וועט ער שטארבן, ווייל דאס אליין ערוועקט אין אים דעם געפיל אז ער האלט שוין ביים פארלאזן דער וועלט, און עס ברענגט אין אים א רפיון צוליב זיין אלטקייט, און דורכדעם שטארקט זיך איבער אים די שלאף, נאר ער זאל זאגן צו זיך אז מען דארף לעבן, און דאס הייסט דאך נישט געלעבט, און דורכדעם וועט צוריקקומען צו אים די שאיפה צו לעבן אזוי ווי עס דארף צו זיין, און ער וועט קענען אויסניצן זיין לעבן צו עבודת השי"ת אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אויסער די פשוט'ע עצה פון האבן א שאיפה צו לעבן, וואס דאס העלפט זייער שטארק פארן מענטש, ליגט באהאלטן א טיפערע נקודה אין די אויבנדערמאנטע ווערטער. ווייל ווען דער הייליגער קאברינער האט געזען אז דער זקן וואס געפינט זיך פאר אים וויל אויסניצן זיינע לעצטע טעג פאר עִנְיָנֵי שָׁמַיִם, האט ער געזאגט צו אים אז ער זאל זיך איינ'חזר'ן ביי זיך אז די טעג זאלן זיין פול מיט לעבן, און וויאזוי פילט מען זיי אן מיט לעבן? דורכדעם וואס מען איז זיי מקדיש פארן אויסגעוואורטן תכלית.

אין די פרשה פון די וואך לערנען מיר וועגן די פטירה פון יעקב אבינו, און אלע צוגרייטונגען וואס ער האט געטון איידער ער האט פארלאזט דער דאזיגער וועלט וואס גייט פארביי – צום ערשט האט ער באשוואוירן יוסף וועגן דער ענין פון זיין קבורה, און נאכדעם האט ער גערופן צו זיינע קינדער וויבאלד ער האט זיי געוואלט אנטפלעקן באהאלטענע זאכן וואס ער האט געוואוסט ביי זיך, און ער האט זיי געבענטשט און גע'מוסר'ט אזוי ווי עס פאסט פאר א טאטע וואס געזעגנט זיך פון זיינע קינדער, און ווייטער האט ער געבעטן פון זיי אז זיי זאלן אים באגראבן נעבן זיינע עלטערן. דער גאנצער ענין איז א הכנה צום פארלאזן דער וועלט, איז דאך א פלא אז דווקא אט די פרשה ווערט אנגערופן 'ויחי' יעקב, אינדערצייט וואס דער גאנצער אינהאלט פון די פרשה איז אן ענין פון שטארבן, און וויאזוי קען עס ווערן אנגערופן מיט א נאמען וואס מיינט 'לעבן'?

נאר די כוונה דערמיט איז, וויבאלד די גאנצע תכלית פון יעקב אין די טעג פון זיין לעבן איז געווען זיך אנצוגרייטן צום עולם שכולו טוב. נישט נאר אין זיינע לעצטע טעג האט ער זיך געגרייט צום יום המיתה, נאר אלע זיינע טעג זענען געווען איין שטיק צוגרייטונג צום עולם הנצחי, און דעריבער שטייט אין פסוק ביי זיין לעצטע צוגרייטונג, "וַיְחִי", צו ווייזן אז די טעג זענען נישט געווען אנדערש ווי די פריערדיגע טעג פון זיין לעבן, נאר כֻּלָּם שָׁוִים לְטוֹבָה, אז אזוי ווי יעצט האט ער זיך געגרייט צו פארלאזן דעם עולם הזה, אזוי איז אויך געווען דורכאויס די אנדערע טעג פון זיין לעבן, ווייל אלעמאל איז זיין לעבן געווען אנגעפילט מיט עבודת השם יתברך, און איז געווען געאייגנט נאר פאר דעם.

(עפ"י טיב התורה – ויחי)

## טיב הפרשה

# ויבכו אותו מצרים שבעים יום

## אַן עבודה אָן קיין נגיעות

אין פרשת ויחי איז די תוה"ק מאריך ארומצורעדן איבער די פטירה פון יעקב אבינו, און איבער די גרויסע טרויער וואס עס האט געהערשט ביי די שבטים און אויך ביי די מצרים.

די תוה"ק דערציילט אונז אז די מצריים האבן באוויינט יוסף זיבעציג טאג, און ווי עס איז דער לשון הפסוק 'ויבכו אותו מצרים שבעים יום'.

רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין די גרויסע טרויער פון די מצריים און זאגט אז עס איז געקומען ווייל די מצריים האבן געוואוסט אז פון ווען יעקב אבינו איז נסתלק געווארן, וועט די נילוס וואסער מער נישט ארויפקומען און אנטרינקען די פעלדער, וכלשון רש"י אויפ'ן ארט: לפי שבאה להם ברכה לרגלו, שֶׁכָּלָה הרעב, והיו מי נילוס מתברכין.

ווען מען לערנט די ווערטער פון רש"י קען מען עס אנקוקן ווי רש"י געבט צו פארשטיין די געשעענישן, אבער מיט א טיפערע בליק זעט מען אז רש"י האט דא געוואלט מרמז זיין א שטארקע נקודה.

רש"י האט געוואלט ערקלערן די ווייטאג פון די מצרים אויף יעקב אבינו, אז מען זאל זיך נישט קומען טועה זיין אז די געוויין איז געווען א געוויין אויף די פטירה פון א צדיק, אז עס וועט פעלן קדושה אויף די וועלט, נאר זיי האבן געוויינט צוליב זייער אייגענע אינטערעסן.

די מצריים האבן געוואוסט און דערהערט אז די ברכה אין מצרים קומט פון יעקב אבינו. זיי האבן גוט געדענקט די הונגער יאר און אז די הונגער יאר האט זיך אפגעשטעלט אין זכות פון יעקב אבינו און אז איינמאל ער איז נסתלק געווארן פון די וועלט, וועט זיך די ברכה אפשטעלן, און דאס האט זיי געבאדערט און צוליב דעם האבן זיי באוויינט.

מיר ווייסן אז מוריד צו זיין דמעות אויף אן אדם גדול איז א גרויסער זאך. חז"ל לויבן אויס ווער עס איז מוריד דמעות אויף אן אדם גדול, אבער אז מען זאל זיך נישט קומען נאַרן אז די מצריים זענען אין די מדריגה האט רש"י אנגעמערקט די הערה, פארוואס זיי האבן געוויינט און פון וואו האט זיך גענומען זייער צער.

אנדערש ווי דער איד וואס אויב ער ארבעט זיך אויס קען ער אנקומען צו די דרגה פון טון ריינע פעולות, ריין לשם שמים, איז דער גוי, וואס ביי אים עקזיסטירט נישט אזא זאך, ביי אים איז יעדע פעולה, אויך די שענסטע און די בעסטע פעולה, מיט אן אייגענע נגיעה, לשם עצמו, ווייל ביי א גוי עקזיסטירט נישט אזא זאך ווי זיך מבטל זיין פאר הקב"ה.

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

די בחינה טרעפט מען אויך אין פרשת ויגש. די תוה"ק דערציילט אונז דארט אז נאך דעם וואס פרעה האט זיך דערוואוסט אז יוסף'ס ברודער זענען דא, האט ער באפוילן פאר יוסף אז מ'זאל זיי שיקן מתנות, געלט, פערד, וועגענער, און ער זאל אריבערברענגען זיין גאנצע משפחה און זיי פלאצירן אין מצרים, און ווי דער לשון הפסוק איז דארט (בראשית מה, יז־יח) אמור אל אחיך זאת עשו וגו' ובאו אלי ואתנה לכם את טוב ארץ מצרים ואכלו את חלב הארץ.

ווען מען לערנט די פסוק על פי פשטות, שטייט מען און מען שטוינט. מען ווערט באגייסטערט פון די גוטהארציגקייט פון פרעה, ווי אזוי ער געבט נאך פאר יוסף אלעס וואס מען דארף נאר האבן.

עס קען זיך דוכטן אזוי, אבער ווען מען גייט ווייטער און מען לערנט די ענטפער פון יוסף הצדיק ווי יוסף באטאנט פאר פרעה אז זיינע ברידער זענען פאסטוכער און ברענגט צו פרעה א טייל פון די ברידער, פארשטייט מען אז דערונטער פון די זיסע ווערטער איז געלעגן א געהיימע כוונה.

דער קעניג פרעה האט געזען די טאלאנטן פון יוסף הצדיק. ווי ער איז אזוי גוט פותר א חלום און ווי אזוי זיינע עצות האבן געראטעוועט מצרים און איר רייך געמאכט, און האט זיך פאַרגעשטעלט אז אלע זיינע ברידער זענען אזוי, און האט זיי געוואלט אריינשלעפן אין די ארבעט און שטעלן אלץ מיניסטארן פון די לאנד, גלייבנדיג אז מיט אזעלכע געלונגענע מיניסטארן ביים רעדל פון לאנד וועט דאס לאנד ווערן די רייכסטע און די שטערקסטע לאנד איבער די וועלט.

יוסף הצדיק האט געקענט פרעה, ער האט געוואוסט וואו אהין ער צילט. וועגן דעם האט ער אים מקדים געווען אז זיינע ברידער זענען נישט אזוי טויגליך ווי זיי שטעלן זיך אהער. זיי טויגן צו פאשענען שאף און נישט צו פירן קיין לאנד, און אזוי ארום האט ער זיי מציל געווען פון צו ווערן אריינגעשלעפט אין די נעץ פון פרעה.

רש"י איז דא מגלה די כוונה פון דעם גוי, אבער מיר דארפן וויסן אז אפילו א איד האט די מעגליכקייט זיך צו שטארקן און זיך אויסאיידעלן אז אלע זיינע מעשים זאלן זיין לשם שמים, איז עס אַן עבודה קשה שבמקדש און עס פאדערט אסאך הארעוואניע, אז מען זאל אנקומען צו איר, אז די מעשים פון א איד זאל זיין כל כולו לשם ה'.

דער יצר הרע פארלייגט שווערע כוחות אויף די נקודה. ער זוכט מכשיל צו זיין דעם איד ער זאל נישט אנקומען צו די דרגה, ווייל דאס איז דער יסוד פון א איד און דאס ברענגט אים צו די דרגה פון 'ישראל' ער זאל זיך קענען דערהייבן פון זיינע נאטורן און אייגענע נגיעות.

דער חזון איש אין זיינע בריוון רעדט ארום פון די בחינה, און דרוקט זיך אויס אין אַן ארט 'והעיקר שידע האדם למי הוא עובד' - אז דער עיקר פון א איד איז צו וויסן פארוועמען ער ארבעט - ווייל דאס איז דער יסוד פון א איד, און וועגן דעם איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט צו דינען השי"ת, נישט צו דינען זיך אליין.

עס איז אזוי שווער אז חז"ל האבן געשפירט פאר וויכטיג אין די נקודה צו עצה'נען א איד אז ער זאל גיין שטאפלווייז און נישט שפרינגען אויפאיינמאל אלע טרעפ. חז"ל רעדן ביי תורה און זאגן ביי תורה אז 'מתוך שלא לשמה בא לשמה', אבער עס איז ביי יעדן זאך אזוי, ווייל עס איז א שווערע ארבעט אנצוקומען צו טון אלעס לשמה, אין א וועלט וואס ארבעט פון צופרי ביז ביינאכט פאר די אייגענע נגיעות.

עס איז שווער און עס גייט שטאפלווייז, און וועגן דעם זאל מען אנהייבן פון אונטן און זיכערמאכן צו גיין העכער און העכער ווייל מען קען אייביג גיין העכער, און העכער האט נישט קיין גבול.

מען זאגט נאך בשם דער הייליגער קאברינער זי"ע אז פאר די פטירה האט ער געזאגט אויף זיך אז ווען ער וואלט ווען געווען זיכער אז כאטש איינמאל אין לעבן האט ער געזאגט איין 'אמן' נאר לשם ה' - מיט אן אמת'ע ריינקייט - וואלט ער ארויף פון די וועלט רואיגער.

דאס האט דער צדיק געזאגט אויף זיך. עס איז זיכער אז ער האט עס געזאגט מחמת עניוות, אדער ווייל ער האט געשפירט אז ער קען גיין העכער און נאך העכער ווי זיין דרגה, אבער דאס איז א לימוד פאר אונז אז מען קען אלעמאל גיין העכער און העכער ביז ווען מען קומט אן צו די ריינע דרגה פון לשם ה'.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זיך קענען דערהייבן און זיך אויסארבעטן און זיך אויסלייטערן און אויך אנקומען צו די הויכע דרגה פון לשם ה', אז אלע מעשים וואס מ'טוט זאל זיין לשם ה' בשלימות.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזך לייענדס

## א 'ווארט' אויך מיט א השגחה פרטית

עס דערציילט מורינו הרב שליט"א: בס"ד האב איך זוכה געווען צו פראווענען א געהויבענער שבת אין אתרא קדישא מירון. יענער שבת איז אויך געווען צוגאסט אין מירון דער רבי פון פינסק קארלין שליט"א.

ביי סעודה שלישית בין איך געגאנגען צום טיש פון דער פינסק קארלינער רבי שליט"א מיטצוהאלטן אווארעמע דערהויבענע מעמד. זיצנדיג דארט האט דער פינסקער רבי זיך געוואנדן צו מיר און מיר נאכגעזאגט בשם דער פריערדיגער קארלינער רבי הרה"ק רבי יוחנן ז"ל אז כידוע איז דער מנהג אין קארלין צו דאווענען שבת מיט קולי קולות, און בשם רבי יוחנן זאגט מען נאך אז דער מנהג שטאמט נאך פון דער בית המקדש.

דער פריערדיגער קארלינער רבי האט אויסגעפירט, אז ער האט אויף דעם א בפירוש'ע ראיה. זיין באווייז האט ער געברענגט פון די תימנ'ער אידן.

דער שטייגער ביי די תימנ'ער אידן איז אז מען דאווענט ביי מיט א הויכער קול, און ווי עס ברייט באקאנט האבן די תימנ'ער אידן א שטארקע מסורה און עס איז אויך באקאנט אז זייער מסורה גייט צוריק ביז צו די צייטן פון בית שני.

"דאס איז בפירוש'ער סימן אז אין בית שני פלעגט מען אויך דאווענען בקול רם", האט דער רבי אויסגעפירט.

איך האב געהערט דער סיפור, גלייבנדיג אז יעדע זאך אין די וועלט איז בהשגחה פרטית, האב איך געגלייבט אז די השגחה העליונה האט אזוי געפירט אז דער סיפור זאל אנקומען צו מיר בהשגחה פרטית.

"עס קומט מיר אויס אסאך מאל צו רעדן פאר אידן, אפשר וועט דאס מיר צוניץ קומען ערגעצוואו".

דער געדאנק איז געלעגן ביי מיר א שטיק צייט, אן וואס כ'זאל וויסן וואו איך וועל עס קענען נוצן.

א וואך איז אריבער און א איד האט מיר געבעטן אז כ'זאל קומען רעדן פאר א קבוצה. דער איד האט שטארק מפציר געווען אז מ'זאל קומען רעדן, זאגנדיג אז מיין דרשה קען זיין א שטארקע תועלת פאר די אידן.

איך האב אנגענומען די איינלאדונג, מען האט באשטימט א צייט, ווען איך וועל בס"ד קומען.

איידער דער איד איז אוועקגעגאנגען, האב איך א פרעג געגעבן דער איד פון וועלכע סארט אידן רעדט מען?

"מען רעדט פון תימנ'ער אידן", האט ער מיר געזאגט.

יעצט האב איך שוין פארשטאנען פארוואס איך האב געהערט די געשיכטע, איך האב אנגעהויבן מיין דרשה און באטאנט אז איך רעד צו תימנ'ער אידן און עס איז באקאנט אז זיי האבן א שטארקע מסורה.

דערביי האב איך זיי איבערגעזאגט וואס איך האב לעצטער וואך געהערט פון א צווייטן איד אז אויך די חסיד'ישע הויפן וואס האבן א מסורה צו דאווענען בקול רם, בויען זיך א מקור פון די תימנ'ער אידן, און ווען זיי ווילן ברענגען א ראיה צו זיך אז עס איז אזוי מזמן בית שני ברענגען זיי א ראיה פון די תימנ'ער אידענטום.

די בליץ האט זיי געכאפט, און איך האב געדאנקט השי"ת אז ער האט מיר אונטערגעשיקט אזא מעשה זעענדיג אז אויך אין אזא קלייניגקייט ווי א ווארט, אדער א געדאנק, ליגט א השגחה פרטית, אז אלעס זאל זיך פירן לטובה, ווייל קיין שום זאך אין די וועלט איז נישט 'סתם', נאר אלעס פירט זיך מיט א השגחה עליונה.

[נדערציילט דורך מורינו ורבינו שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# כִּבּוּד אָב וָאֵם – ג'

**"הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב, וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם"** (מט, ב)

האט מפרש געווען **רבינו עובדיה ספורנו ז"ל**: "קַבְּלוּ אֶת הַדֶּרֶךְ שֶׁהוֹרָה לָכֶם כָּל יָמָיו, אֲשֶׁר בָּהּ תִּהְיוּ **'בְנֵי יִשְׂרָאֵל'** וְהוּא אֲבִיכֶם, כִּי תִשְׂתָּרְרוּ עִם אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים, וְלֹא יֹאבַד מִכֶּם הַטּוֹב הֶעָתִיד לָבֹא".

פון דעם זעען מיר, אז פאר זיין הסתלקות האט יעקב אבינו ע"ה באפוילן זיינע קינדער, און זיי געזאגט אז זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין אין די וועג וואס ער האט זיי געוויזן דורכאויס זיין לעבן, אז זיי זאלן גארנישט טוישן פון די מסורה און די וועגן פון די אבות, וואס מיט דעם איז מען מקיים דער חיוב פון **'כיבוד אב'** אויך נאך זיין הסתלקות. - און דורכדעם וואס זיי וועלן אזוי טון, זענען זיי פארזיכערט מיט אלע גוטע הבטחות אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אזוי ווי דער פסוק באשטימט אויף די מצוה (דברים ה, טז) "לְמַעַן יַאֲרִיכֻן יָמֶיךָ, וּלְמַעַן יִיטַב לָךְ, עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ".

***

אין זיינע לעצטע יארן, איז **אבי מורי זצוק"ל** אמאל געווען אין די 'הדסה' שפיטאל, און האט געדארפט בלייבן דארט איבערנאכט פאר אויפזיכט [השגחה]. איך האב אים באגלייט צום שפיטאל, און איך בין געבליבן א גאנצער נאכט נעבן זיין בעט, אים צו אכטונג געבן. - מיינע טייערע קינדער שליט"א האב איך גארנישט דערציילט איבערדעם, ווייל איך האב געוואוסט אז זיי וועלן גלייך לויפן צום שפיטאל כדי מיך איבערצוטוישן, אז איך זאל קענען צוריקגיין צו מיר אינדערהיים...

אבער אויפצומארגנס, ווען מיינע קינדער האבן זיך דערוואוסט אז איך בין געווען דער גאנצער נאכט מיט מיין טאטע אין שפיטאל, זענען זיי תיכף געקומען באזוכן דעם גרויסן זיידן, און האבן גלייך אויסגעדרוקט זייער וואונדער, פארוואס האב איך נישט גערופן איינעם פון זיי צו ווילן אין שפיטאל אנשטאט מיר, ווייל איך בין דאך נישט קיין יונגער מענטש... און זיי זענען דאך יונג און וואלטן עס געקענט טון פיל גרינגער!

דאס איז געווען אין די וואך פון **פרשת ויגש**, האב איך געעפנט פאר זיי דעם חומש און זיי געוויזן די ווערטער פון **רש"י ז"ל** אין די פרשה פון די וואך (מו, כט): "וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו. **הוּא עַצְמוֹ אָסַר אֶת הַסּוּסִים לַמֶּרְכָּבָה, לְהִזְדָּרֵז לִכְבוֹד אָבִיו**". - יוסף הצדיק האט אוודאי געהאט גענוג קנעכט און באדינער, וואס וואלטן געקענט איינשפאנען דעם וואגן אזוי ווי עס דארף צו זיין... אויך זיינע צוויי זין, מנשה און אפרים, וואלטן זיך אוודאי געפריידט צו באדינען זייער טאטע, אבער ער האט ענדערש אליין געוואלט זיך באמיען און האט זיך מזרז געווען צו די מצוה לכבוד זיין טאטע!

האב איך צוגעגעבן, אז ווי עס זעט אויס איז דא אין דעם אויך א **'חינוך'** פאר די קינדער, אז זיי זאלן זען ווי זייער טאטע באמיט זיך אליין פאר די מצוה פון כיבוד אב, און בעט נישט פון זיינע קינדער אז זיי זאלן עס טון, טראצדעם וואס ער מאכט שוין חתונה אייניקלעך...

און אויסערדעם איז דא אוודאי אין דעם אויך א הידור מצוה, אזוי ווי די הייליגע חז"ל לערנען אונז (קידושין מא.) מִצְוָה בּוֹ יוֹתֵר מִבִּשְׁלוּחוֹ.

איך האב זיי דעמאלטס אויך דערמאנט דעם מאמר העולם: "שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ", זאגט מען א ווערטל, אז אויב מען טוט עס דורך א שליח איז עס כאילו ער איז געשטארבן... פארוואס זאל דען נישט דער מענטש אליין טון די מצוה?

***

צווישן הגה"ק **רבי יחזקאל שרגא משינאווא זצוק"ל**, דער עלטסטער זון פון הגה"ק רשכבה"ג **דער הייליגער צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל**, און זיין טאטע, זענען געווען כידוע חילוקי דעות אין פילע שאלות אין הלכה, און נישט איינמאל האבן זיי זיך גע'טענה'ט בעוז ותעצומות איבער דבר ה' זו הלכה.

ביי איינס פון די הלכה'דיגע שאלות וואס איז זיי אויפגעקומען, האט דער גרויסער טאטע געבעטן פון זיין זון, דער שינעווער רב, אז ער זאל קלארמאכן אלע פרטים פון די הלכה, און ער זאל גוט דורכטון אלע איינצלהייטן פון די סוגיא, און ביי די קומענדיגע נסיעה ווען ער וועט קומען קיין צאנז, וועלן זיי אינאיינעם דן זיין אינעם ענין.

און ווען דער שינעווער רב איז אנגעקומען ביי זיין קומענדיגע נסיעה קיין צאנז, נאכן גוט קלארמאכן דעם גאנצן סוגיא וואס מען האט גערעדט, איז ער נישט גלייך אריינגעגאנגען צו נעמען שלום פון זיין גרויסער טאטע, ווי זיין שטייגער, נאר צום ערשט איז ער אריינגעגאנגען אין בית המדרש און האט זיך דארט געזעצט לערנען פאר עטליכע שעה, און נאר נאכדעם איז ער ארויפגעגאנגען צו זיין טאטן צו נעמען שלום, און דורכטון זייער שאלה צוזאמען, לויט זיין פארלאנג.

ווען מען האט אים שפעטער געפרעגט, פארוואס האט ער דאסמאל געטוישט פון זיין מנהג און איז צום ערשט אריינגעגאנגען אין בית המדרש, האט דער צדיק ערקלערט: איך האב געוואוסט פון ערפארונג, אז ווען איך וועל קומען צו מיין הייליגער טאטע מיט מיין מיינונג איבער די שאלה וואס מיר האבן גערעדט, וועט דער מיינונג פון מיין טאטע זיין אנדערש ווי מיין מיינונג, און אזוי ווי אונזער שטייגער וועלן מיר ארויסגיין אינעם מלחמתה של תורה, ווען יעדער איינער וועט ברענגען ראיות לכאן ולכאן, ווי דער שטייגער פון די וואס זענען זיך מתנצח בדבר הלכה. - דעריבער בין איך צום ערשט אריינגעגאנגען אין בית המדרש, און איך האב גוט און קלאר דורכגעלערנט די הלכות פון **'כיבוד אב'** וואס זענען שייך צו אט דעם ענין. כדי איך זאל וויסן קלאר ביי מיר, וויאזוי מען רעדט מיט א טאטע... וואס און וויאזוי איז מותר צו רעדן אינעם שטורעם פונעם דורכדרינגליכן ויכוח, און וואס איז אסור צו זאגן. - ווייל אויך אין דעם איז דא קלאר גע'פסק'נטע הלכות, וויאזוי מען זאל אויפמערקן דעם טאטן ווען עס האנדלט זיך אין דברי תורה.

נאר נאכדעם וואס איך האב קלאר געוואוסט וויאזוי מען פירט א ויכוח אין הלכה מיט אן אייגענער טאטע, האב איך געקענט אריינגיין נעמען שלום, און דן זיין מיט אים אין הלכה.

**וויפיל מוסר השכל קענען מיר ארויסלערנען פון אט דעם טיב המעשה! און אויב עס איז אזוי געווען ביי אזעלכע ריזיגע צדיקים, איז וואס זאלן מיר שוין זאגן, וויפיל מאל האבן מיר גערעדט מיט אונזערע עלטערן אן די ריכטיגע כבוד און מורא אזוי ווי עס דארף צו זיין... ירחם המרחם!**

***

מיט בערך פינף און דרייסיג יאר צוריק איז פארגעקומען א שווערע מלחמה אינעם פערסישן ים-אויסגוס [מפרץ הפרסי] קעגן דעם בבל'ישן אימפעריע וואס ווערט אנגערופן **'איראק'**, ווען פילע וועלט-לענדער האבן זיך פאראייניגט מיט א שארפן קאמף קעגן דעם שרעקליכן דיקטאטאר וואס האט געוואוינט אין באגדאד, וואס מיט זיין גרויס חוצפה האט ער אריינגעדרינגען אינעם קליינעם לענדל **קאָוועיט** וואס איז נאנט צו איראק, כדי צו באהערשן דעם ריזיגן פארמעגן וואס געפינט זיך דארט, זייענדיג א לאנד וואס איז זייער רייך מיט נעפט פעלדער.

אין די זעלבע צייט האט דער רשע (סאדאם כוסעין ימ"ש) פראבירט אריינצושלעפן אויך דעם הייליגן לאנד אין די מלחמה קעסל, און האט געשיקט קיין ארץ ישראל ניין און דרייסיג שרעקליכע סקאד באמבעס! די שרעק און די בהלה איז געווען געפערליך, בעיקר האט מען מורא געהאט אז ער איז אימשטאנד צו שיסן אויך אומקאנווענציאנעלע ראקעטן פון זיין זאמלונג פון כימישע וואפן וואס ער האט געהאלטן אין זיינע געהיימע קעלערן. - די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע האט דעמאלטס, אינדערצייט פון יענע מלחמה, ארויסגעגעבן א ווארענונג צו אלע אירע בירגער, אז צוליב דער געפאר זאלן זיי נישט באזוכן אין ארץ ישראל. און ווירקליך האבן פילע חוץ לארץ'דיגע ישיבה בחורים אזוי געטון, און האבן זיך צוריקגעקערט אהיים אין חוץ לארץ, עד יעבור זעם.

אינעם **'שערי חסד'** געגנט אין ירושלים ת"ו, האט אין יענע תקופה געלערנט א יונגער אמעריקאנער ישיבה בחור, א חוזר בתשובה, וואס נאר א קורצע צייט פריער איז ער אריינגעגאנגען מיט גרויס התלהבות אינעם ספעציעלן ישיבה פאר בעלי תשובה אינעם געגנט, און אט איז געקומען די שווערע מלחמה און אריינגעברענגט אין אים ספיקות און חששות. - פון איין זייט, האט זיין טאטע פעסט געפאדערט פון אים, אז ער זאל שוין צוריק אהיימקומען, תיכף ומיד! אבער פון די אנדערע זייט האט ער זייער מורא געהאט פון די שלעכטע השפעה וואס ער איז אימשטאנד צו באקומען אינדערהיים, זייענדיג א פרישער 'בעל תשובה'...

האט אים זיין רבי, דער ראש ישיבה, גע'עצה'ט אז ער זאל גיין פרעגן דעם דעת תורה פון מרן הגאון המפורסם **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, און וויאזוי ער וועט אים הייסן אזוי זאל ער טון.

רבי שלמה זלמן האט גוט אפגעוואויגן אלע צדדים לכאן ולכאן, און ער האט אונטערגעשטראכן אז צוליב **מצות 'כיבוד אב'** זענען מיר געצוואונגען זיך צו רעכענען מיטן זארג פונעם טאטן, און האט אים באפוילן צו אנטלויפן פון לאנד. אבער צום סוף האט ער מיט זיין חכמה ארויפגעברענגט אזא 'פשרה' וואס זאל צופרידנשטעלן אלע צדדים אינאיינעם: ער האט גע'עצה'ט פארן בחור, אז ער זאל זיך טאקע דערווייטערן פון די גרויסע סכנה פון די רעגן פון ראקעטן וואס האבן געלאנדעט אין ארץ ישראל, נאר אנשטאט זיך צו דערווייטערן ביז די ווייטע אמעריקע - וואו דער בחור האט מורא געהאט פאר זיין נפש און זיין נשמה, זאל ער פארן פאר א שטיק צייט קיין **לאנדאן**, וואו ער וועט זיך אויפהאלטן אין אן אנדער ישיבה וואס מען האט דארט מסדר געווען פאר אים, ביז ער וועט זיך צוריקקערן בשלום קיין ארץ ישראל.

דער בחור האט געטון אזוי ווי מען האט אים געהייסן, און געקויפט א קארטל צו פליען קיין ענגלאנד, און גאנץ שנעל האט ער זיך געטראפן צווישן די פילע וועגן און שטעגן אינעם ריזיגן טערמינאל פונעם **היטראו** לופטפעלד אין **לאנדאן הבירה**. אזוי גייענדיג שנעל אויפן וועג ארויס, באלד נאכדעם וואס זיין עראפלאן האט דארט געלאנדעט, האט ער פלוצלונג באמערקט ווי זיין טאטע, בכבודו ובעצמו, שפאנט אויך אין די זעלבע וועגן, נאר אינעם פארקערטן ריכטונג... ער איז געווען אויפן וועג אריין, זיך איילנדיג צו אן עראפלאן וואס פארט ארויס פון לאנדאן.

די באגעגעניש צווישן טאטע און זון איז געווען זייער באגייסטערט. דער זון איז געפאלן מיט בענקעניש אין די הענט פון זיין טאטע, און מיט גרויס שטוינונג האט ער אים געפרעגט וואס ער טוט דא, און צו וואו ער טראכט יעצט צו פארן.

יעצט, אין דער רגע - האט דער טאטע געענטפערט - טוישט זיך דער ריכטונג... וויבאלד איך האב דיר דא באגעגנט, גיי איך שוין יעצט ארויס צוזאמען מיט דיר, און איך טו פארציכטן אויפן עראפלאן וואס ווארט דא אויף מיר...

דא האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ווען דער טאטע האט געזען אז זיין טייערער זון פארזוימט זיך און איילט זיך נישט צו פארלאזן דעם הייליגן לאנד, איז ער געווארן פול שרעק און זארג... ביז ער האט באשלאסן אליין צו קומען, און אהיימנעמען זיין זון פון ישיבה. נאר וויבאלד די דירעקטע נסיעות פון אמעריקע קיין ארץ ישראל זענען געווארן זייער ווייניג צוליב די שווערע מלחמה, האט ער געקויפט א קארטל צו פארן קיין לאנדאן, וועלנדיג שנעלער אנקומען קיין ארץ ישראל דורך לאנדאן...

יעצט איז געקומען דער רייע פון דער טאטע אויסצודרוקן זיין וואונדער און שטוינונג: און וואס טוסטו דא, מיין טייערער זון? דו וואלטסט זיך דאך יעצט געדארפט געפינען צווישן די ישיבה-ווענט אין שערי חסד, נישט אזוי?

האט דער זון פארציילט פארן טאטן דעם גאנצן אמת, און האט גארנישט באהאלטן פאר אים. ער האט אים אראפגעלייגט זיינע פילע ספיקות און חששות, און אז ער האט עס אלעס אראפגעלייגט אין פארנט פונעם גרויסן רב און פוסק, און ער האט אים געגעבן די עצה צו פארן קיין לאנדאן, כדי צו מקיים זיין דעם באפעל פון זיין טאטן. - און יעצט מיטן וואונדערליכן **טיב ההשגחה**, האבן זיי זיך געטראפן **פונקט אין די ריכטיגע מינוט** אין די טויערן פונעם ריזיגן טערמינאל, דער גייט ארויס און דער קומט אריין... א מינוט איידער דער טאטע האט זיך ארויסגעלאזט קיין

המשך אין עמוד ד' ›

ירושלים, וואו ער וואלט פול געווארן מיט זארג און שרעק ווען ער וואלט נישט געטראפן זיין זון... – האט מען צוגעהאלפן מן השמים פארן פסק פון דעת תורה, אז עס זאל חלילה נישט ארויסקומען קיין שטרויכלונג פון די עצה וואס דער רב האט געגעבן.

דער טאטע איז זייער באגייסטערט געווארן זעענדיג די חכמה און פקחות פון די חכמי התורה, ווען זיין זון האט אים דערציילט וויאזוי דער רב איז געזעצן און גוט אפגעוואויגן אלע זייטן פונעם ספק, און ווי ער האט ערקלערט אז טראצדעם וואס עס איז נישט ממש קיין מקום סכנה, און אלץ דער זיכערהייט צושטאנד וואלט מען נישט געהאט קיין סיבה ארייננצוגיין אין קיין איבעריגע פאניק, נאר צוליב דער באפעל און דער זארג פונעם טאטן, האט מען געדארפט טרעפן א וועג אויסצופירן זיין ווילן, און דעריבער איז ער אויפגעקומען מיט די עצה פון פארן קיין ענגלאנד.

איז דער טאטע געבליבן אין לאנדאן צוזאמען מיט זיין זון ביז דער סוף פון די מלחמה, אינעם יום טוב פורים תנש"א לפ"ק, און נאכדעם האט ער אים באגלייט קיין ארץ הקודש, צו זען פון דער נאנט זיין ישיבה און דער פלאץ וואו ער האלט זיך אויף, און בעיקר כדי צו באגעגענען דעם גרויסן רב וואס מיט זיין געוואלדיע חכמה האט ער געגעבן זיין זון אזא גוטע און גערעכטע עצה.

נאכן אנקומען קיין ארץ ישראל און זיך אויפהאלטן פאר א שטיק צייט אינעם שאטן פונעם גרויסן צדיק רבי שלמה זלמן זצ"ל, איז ער געפאנגען געווארן אין זיין ליכטיגקייט, און גאנץ שנעל איז ער אליין געווארן א בעל תשובה גמור!

**וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים.**

***

דער הייליגער **חזון איש זצוק"ל** איז אנגעקומען פון ווילנא צום הייליגן לאנד, צוזאמען מיט זיין מאמע די אלמנה, און האט איר באזארגט מיט א גוטן הויז צו וואוינען, נאנט צו זיין הויז אין די הייליגע שטאט **בני ברק יצ"ו.**

טאג טעגליך פלעגט דער הייליגער חזון איש ארויסגיין גאנץ פרי אינדערפרי צו באזוכן זיין אלטע מאמע און איר באדינען, און צו זען אויב עס פעלט עפעס אין איר הויז, אדער מעגליך דארף זי האבן זיין הילף.

איין טאג, האט איינער אויפגעהאלטן דעם חזון איש מיט א פארוויקלטע שאלה אין הלכה, און דורכדעם האט ער פארשפעטיגט די באשטימטע צייט וואס ער פלעגט ארויפגיין צו זיין מאמע'ס הויז. ווען זי האט געזען אז איר זון קומט איר נישט באזוכן אזוי ווי יעדן אינדערפרי, האט זיך א זארג אריינגעכאפט אין איר הארץ, דער הארץ פון א מאמע... און זי האט גלייך געשיקט א שליח צום חזון איש, צו זען אויב אלעס איז דארט אין ארדענונג.

ווען דער שליח איז געקומען אין איילעניש צום הויז פונעם הייליגן חזון איש, און דער גאון האט געהערט אז זיין מאמע איז באזארגט פאר אים, האט ער גלייך אנגעטון זיין הוט, און זיך גענומען לויפן ווי א יונג קינד, און אזוי איז ער געלאפן אין גאס די גאנצע וועג, ביז ער האט זיך בליץ שנעל געשטעלט פאר זיין מאמע, אויסצופירן די מצוה פון **"כיבוד אם"!**

***

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה האב איך געהערט פון **אבי מורי הגה"צ זצוק"ל הכ"מ**, בעל **'מעדני השולחן'**. עס איז געווען א ירושלים'ער יונגערמאן, וואס א חודש נאך זיין חתונה האט אים אנגעכאפט געפערליכע בויך-ווייטאג, און ווען ער איז געגאנגען דערשראקענערהייט צום דאקטאר און מען האט געמאכט פארשידענע אונטערזוכונגען, איז ער שטארק ערשטוינט און דערשראקן געווארן צו הערן, אז מען האט אויסגעטראפן אז ער איז קראנק מיט גאר א שווערן קרענק, און בדרך הטבע איז אים נישט געבליבן קיין שום שאנסן צו לעבן לענגער ווי **איין חודש!**

האט אים זיין ווייב געזאגט, אז ער זאל צוגיין און מאכן אלע באהאנדלונגען וואס די דאקטוירים האבן פארגעשלאגן, מעגליך איז נאך דא א האפענונג. אבער ער האט באשלאסן אז עס איז בעסער אז ער זאל גיין צום **הייליגן חזון איש זצוק"ל** אים צו בעטן א ברכה, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה פון עטליכע שעה קיין בני ברק [אזוי לאנג האט עס געדויערט אין יענע צייטן], און איז אריינגעגאנגען צום הייליגן חזון איש, ערקלערנדיג דעם ענגשאפט פון זיין קרענק, און האט אים געבעטן זיין הייליגע ברכה.

האט אים דער הייליגער חזון איש געענטפערט אין קורצן: פארוואס דארף מען האבן א ברכה? עס שטייט דאך א קלארער פסוק אין די הייליגע תורה (שמות יט, א): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, **לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ**", און האט אים אהיימגעשיקט.

דער יונגערמאן איז געפארן פון בני ברק גלייך צו דער הויז פון זיינע עלטערן, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, און האט שטארק געבעטן זיין טאטע מיט וואס ער קען אים העלפן. האט אים זיין טאטע געזאגט אז ער וויל לערנען מיט אים בייננאכט, נאכדעם וואס ער ענדיגט די ארבעט אין זיין געשעפט. און אזוי האט דער יונגערמאן געטון – זיי האבן באשטימט צו לערנען בחברותא יעדן אוונט, און אזוי אויך האט ער אסאך געהאלפן זיין מאמע מיט יעדער זאך וואס ער האט נאר געקענט, און האט זיי מכבד געווען מיט אלע ערליי כיבוד און הילף.

אין גאר א קורצע צייט ארום, איז ער נאכאמאל געגאנגען צום דאקטאר פאר א געוועגליכע אונטערזוכונג, און צו זיין גרויסן וואונדער איז די גאנצע מחלה פארשוואונדן געווארן פון אים, אזוי ווי עס וואלט קיינמאל נישט דארט געווען, ויהי לפלא. – אט דער איד איז אנגעקומען צו דער עלטער פון ניינציג יאר, **לאורך ימים ושנים טובות!**

**אט דער מעשה לערנט אונז, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון מצות כיבוד אב ואם, און וויפיל מיר דארפן גלייבן אינעם קיום התורה והמצוות, וואס זיי געבן דער עיקר לעבן און געזונט ברוחניות ובגשמיות, און צו גלייבן מיטן גאנצן הארץ אין די ווערטער פון די חכמים און אין זייערע ברכות.**

***

**הרב פנחס גוטפארב שליט"א**, זון פון **הרה"צ רבי שמואל גוטפארב זצ"ל**, מנקיי הדעת שבירושלים, דינט היינט אלץ איינער פון די גאר חשוב'ע מגידי שיעור אינעם דף היומי, אינעם בית המדרש הגדול **'זכרון משה'** דא אין ירושלים עיה"ק ת"ו.

איינער פון די חברי הקהילה, **מוהר"ר מנשה האלטובסקי שליט"א**, וועלכער איז אויך איינער פון די קביעות'דיגע מגידי שיעור אין בית המדרש, האט חתונה געמאכט איינס פון זיינע קינדער, און ווי פארשטענדליך האבן די חברי השיעור זיך ארגאניזירט ארויסצוגיין נאכן שיעור און זיך משתתף זיין ביי די שמחה פון זייער חבר.

הרב ר' פנחס הי"ו, האט באשטימט מיט זיין טאטע דער צדיק, וועלכער האט זיך אויך געוואלט באטייליגן ביים זעלבן חתונה, אז נאכן שיעור וועט ער אים נעמען מיט זיין אויטא [קאר] צו די שמחה. אזוי אויך האט ער באשטימט מיטן מרא דאתרא מרן **הגה"צ רבי ישראל יעקב פישער זצוק"ל**, דער רב פונעם געגנט, אז ער וועט אים אויך נעמען מיט זיין קאר צו די חתונה.

רבי פנחס האט געענדיגט זאגן דעם שיעור, האט ער אנגעצינדן דעם קאר, און איז צום ערשט געפארן צום הויז פון זיין טאטן, אים מיטצונעמען מיטן קאר, כדי דער רב זאל נישט דארפן פארלירן פון זיין טייערע צייט דורכן ווארטן איבעריגע מינוטן. ווען זיין טאטע איז ארויפגעגאנגען אויפן קאר, האט אים ר' פנחס איידעלערהייט געפרעגט אויב ער וואלט דאסמאל גרייט געווען צו גיין זיצן אונטן, כדי צו לאזן דעם חשוב'ן פלאץ פון פארנט פאר הרב הצדיק, דער ראב"ד פון ירושלים עיה"ק.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום הויז פונעם רב, איז דער רב גלייך ארויסגעקומען, אבער ווי נאר ער האט געזען אז דער דרייווער האט געזעצט זיין טאטן פון אונטן, און געלאזט פאר אים דעם חשוב'ן פלאץ, האט ער בשום אופן נישט מסכים געווען אריינצוגיין און זיך זעצן אויפן פלאץ וואס מען האט באשטימט פאר אים. **"וואו איז כיבוד אב?"** האט ער געשריגן, אבער דא האבן סיי דער טאטע און סיי דער זון זיך געבעטן ביי אים, ערקלערנדיג אז עס איז נישט קיין כבוד פארן רב צו זיצן פון אונטן... דער רב האט זיך אבער פאר'עקש'נט אז עס איז אסור אויף יעדן פאל, צו מזלזל זיין אזוי שטארק אין כיבוד אב!

אבער, וויבאלד דער אויטא האט נאר געהאט איין טיר פון פארנט [ווי דער שטייגער פון די אויטאס אין יענע צייטן], און כדי צו טוישן דעם סדר פונעם זיצן, האט מען געדארפט אויפהייבן דעם פאדערשטן זיץ, ארויסנעמען רבי שמואל אינדרויסן, און אזוי נאכאמאל אריינגיין אינעם פארקערטן סדר... האט דער רב געזאגט אז דאס איז דאך א טירחא יתירה פארן אלטן רבי שמואל, און דעריבער האט ער בסופו של דבר מסכים געווען צו זיצן פון פארנט.

נאכן זיך באטייליגן ביי די חתונה, ווען עס איז געקומען דער צייט אהיימצוגיין, איז ר' פינחס צוגעגאנגען צום רב מיט יראת הכבוד, און אים געפרעגט, ווען וויל דער רב אהיימגיין? – האט אים דער רב געענטפערט מיט א שמייכל: מיט דיר גיי איך נישט צוריק!

מיט זיין קלוגשאפט האט ער פארשטאנען, אז זיי וועלן אוודאי נישט מסכים זיין אים צו זעצן פון אונטן, און אזוי וועט אויסקומען אז דער זון וועט מזלזל זיין אינעם כבוד פון זיין טאטע און אים זעצן אין א פלאץ וואס איז נישט חשוב, און דעריבער איז ער ענדערש גרייט געווען צו טרעפן אן אנדער וועג אהיים...




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!
מכון טיב

[redacted]

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173